# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת ויצא שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## שלום בית פון רבינ'ס תלמידים

צ) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף דעם וואס דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, רצ"ב): הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ; אז דאס גייט ארויף אויף די שלום בית וואס תלמידים פון רבי'ן פארמאגן ובפרט תלמידי היכל הקודש.

מען זעט נישט ביי קיינעם פון די פריערדיגע צדיקים תלמידי הבעל שם טוב ותלמידי המגיד, זאלן שרייבן פון שלום בית, אבער ביים רבי'ן איז דאס געווען אן עיקר, און דאס איז די סיבה וואס עס גייט נישט דורך א שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאל נישט רעדן פון שלום בית, ווייל אז מען האט נישט שלום בית קען מען נישט האבן א ריינעם מח צו דינען דעם אייבערשטן.

## נישט לאכן פון איינער וואס וויל זיין ערליך

צא) דער ראש ישיבה איז אמאל געווען אין עירפארט אויפ'ן וועג צו אומאן, און א בחור וואס איז מיטגעגאנגען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א האט באמערקט ווי איינער גייט ארום אין עירפארט מיט פארדעקטע אויגן, האט זיך דער בחור צושמייכלט, אז יענער טוט א מאדנע זאך.

האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "לאך נישט פון דער וואס גייט ארום מיט פארדעקטע אויגן, ער וויל האבן שמירת עיניים, עס איז מער לאכעדיג ווען איינער היט זיך נישט די אויגן וכו', ער לאזט זיינע אויגן פריי און קוקט וכו' וכו'; דאס איז פיל מער מאדנע, פון דעם איז דא וואס צו לאכן, נישט פון דער וואס וויל זיין ערליך און זיך היטן די אויגן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט שפעטער צוגעלייגט: "טייל מאל טו איך אויך אויס מיין גלעזער. ווען איך האב די קלארע מוחין פעלט עס נישט אויס, אבער צומאל דארף איך אויך אויסטון די גלעזער".

## מענטשן לעבן פון דאגות...

צב) א אינגערמאן האט זיך אפגערעדט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז זיין טאכטער האט נישט לאנג צוריק אנגעהויבן לערנען א-ב און עס גייט איר אביסל שווער, און ער טראכט צי זי דארף אפשר גיין פאר וויזשאן טעראפי וכדו', האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט: "אינדערהיים בעפאר'ן קריג האבן די מיידלעך נישט געקענט קיין עברי, די גאנצע זאך פון טערעפי האט זיך אנגעהויבן נאכדעם וואס עס האט זיך אנגעהויבן די סקולס..."

הערנדיג די קלארע תשובה פונעם ראש ישיבה שליט"א האט ער זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און האט צוגעלייגט אז ער איז געווען אביסל באזארגט וואס וועט זיין מיט זיין טאכטער וכו', אבער ברוך השם דער ראש ישיבה שליט"א האט אים בארואיגט אז ביי א מיידל איז נישט געפערליך וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט אלס ווערטל[א]: "ס'איז זייער א גוטע זאך צו זיין באזארגט... עס זענען דא מענטשן וואס באקומען חיות פון זיך זארגן..."

## די כלה האט איין חסרון...

צג) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי א שבע ברכות פאר'ן חתן: "איין גרויסע חסרון האט דיין כלה, זי קען נישט קיין לערנען, זי קען נאר זאגן תהלים"...

[א] דער ראש ישיבה שליט"א האט געוואלט ער זאל זיך אויפהערן זארגן, נישט ער זאל טאקע זארגן.

## זע דיינע גלעזער זאלן בלייבן ריין

צד) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א בר מצוה בחור: "האסט געקויפט שיינע גלעזער, זע עס זאל בלייבן ריין, זאלסט זיך היטן די אויגן, אראפקוקן ווען דו גייסט אין גאס".

## וויאזוי מען קען ארייננכאפן אזויפיל אין איין טאג

צה) דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן צו א תלמיד: "הלואי זאל מען אפשרייבן יעדן טאג פון ישיבה, מען וועט זיך וואונדערן יארן שפעטער ווי אזוי האט געקענט זיין אזא זאך אז מען זאל זיך אזוי קענען דערהאלטן און אזויפיל אניאגן; אלעס בזכות די צדיקים".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א אינגערמאן בשעת'ן רעדן מיט אים אויפ'ן טעלעפאן: "זיי מתפלל איך זאל האבן צייט צו שרייבן בריוון, אפילו יעצט, בשעת איך רעד מיט דיר אויפ'ן טעלעפאן לערן איך אויך מיינע שיעורים, איך קום פשוט נישט אן צו אלעס וואס איך דארף טון".

## נעמען עצתו אמונה פאר'ן וועגווייזער

צו) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איינע פון די משפחות וואס זענען היינט פון די טייערע משפחות פון אנ"ש, פלעגן האבן שוועריגקייטן אנצונעמען די לימודים פון היכל הקודש בתמימות ובפשיטות, ווייל ווען זיי זענען מקורב געווארן האבן זיי גענומען פאר א ביישפיל תלמידי היכל הקודש, זיי נאכצוטון, און ווען זיי האבן געזען אז יענער טוט עפעס וואס איז אין קעגנזאץ פון וויאזוי א תלמיד היכל הקודש דארף זיך פירן, האבן זיי געהאט חלישות הדעת, 'דאס איז היכל הקודש?!' ביז זיי האבן אינאכט גענומען און געמאכט די גוטע החלטה אז די בריוו פון אשר בנחל און עצתו אמונה - נאר דאס איז וואס היכל

הקודש שטעלט פאר; וואס דער אדער יענער טוט אדער זאגט - איז גארנישט קובע.

א מענטש דארף קוקן נאר אויף זיך און זען וואס ער באקומט, אויב באקומט ער פון דעם פלאץ וואו ער דרייט זיך שיינע זאכן דארף אים נישט אנגיין אז דער טוט אזוי און יענער טוט אזי, דער עיקר דארף ער זען וואס ער כאפט אריין.

## ווי איז דער אייבערשטער

צז) א אינגערמאן האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ער האט געדארפט זיין אין א סקול עפעס פאררעכטן, און ער זעט ווי די טיטשער האלט א בילד פון א טמא'נעם בעל חי, און זינגט מיט די קליינע קינדער "ווי איז די ... ווי איז די ... דא דא דא..." וכו' וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעהאלטן דעם אינגערמאן, פארוואס האסטו נישט פארראכטן דעם טיטשער און געזאגט: נישט אזוי זינגט מען, איך וועל אייך זאגן וויאזוי מען זינגט, "ווי איז דער אייבערשטער, ווי איז דער אייבערשטער, דא דא דא"...

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך צוגעלייגט: "און וואס וועט שוין זיין אויב א קינד וועט זיין גאנצע לעבן נישט וויסן די נעמען פון די טמא'נע בעלי חיים?! מיט ריינע קינדער לערנט מען פון טהור'ע בעלי חיים".

## ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן

צח) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: ווען א קינד פרעגט פארוואס טאר מען נישט טון דאס, פאר וואס טאר מען נישט טון יענץ?; דארף מען נישט אויפקומען מיט עפעס א מורא'דיגע תירוץ, מען ענטפערט דעם קינד פשוט: ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן. "אבער

פארוואס? ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן".

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: קליינע קינדער האבן זייער א שיינעווארט וואס זיי נוצן ווען מען האלט זיי פאר; פארוואס האסטו דאס געטון? "ווענן"... אבער פארוואס? "ווענן"... דארף מען דאס ניצן אין עבודת ה', נישט האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן.

## ענטפערן מיט חכמה לויט יענעמ'ס פארשטאנד

צט) אלץ ווען דער ראש ישיבה שליט"א רעדט צו א מענטש, א בחור אדער א אינגערמאן אים צו מקרב זיין צום אייבערשטן, לאזט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אראפ צו יענעם צו זיין דעת און מוחין, און פרובירט אזוי, אים צו ברענגען צום אייבערשטן.

אמאל האט א בחור געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א מיט קנאה, פארוואס טאר א איד נישט ארייננקריצן אין זיך א טאטו (כתובת קעקע) און דער גוי מעג יא? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט מיט חכמה: "דו האסט שוין אמאל געזען א גאר טייערע קאר (דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע סארט טייערע קארס), אנגעשמירט מיט גראפיטי אדער אנגעקלעבט מיט באמפער סטיקערס? עס איז נישט דא אזא זאך; א טייערע קאר דארף צייגן זייער גוט און קלאסיש, אבער אן אלטע ביליגע קאר וואס איז בכלל נישט חשוב און קיינער קוקט ממילא נישט אויף דעם, איז נישט קיין חילוק וויאזוי עס זעט אויס, קלעבט מען דאס אן און מען געבט נישט אכטונג דאס צו האלטן שיין.

די זעלבע זאך. א איד איז גאר טייער, דער איד דארף אויסזען גוט, אבער א גוי, וואס א חילוק צי ער איז פארשמירט וכו'.

דער ראש ישיבה שליט"א האט שפעטער געזאגט ווען א בחור קומט פרעגן אזא שאלה, ער האט קשיות פארוואס א גוי מעג און א איד טאר גארנישט (אין זיינע אויגן) וכו' וכו' דארף מען ארייינגיין אין זיין מח און

מיט חכמה ענטפערן לויט זיין פארשטאנד.

## בעטן דעם אייבערשטן צו האבן גוטע תלמידים

ק) דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט: איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן איך זאל האבן נאר גוטע תלמידים - תלמידים הגונים.

צוויי ברידער זענען אריינגעקומען אין ישיבה, דער ראש ישיבה האט געזאגט, "דער אייבערשטער געבט מיר א מתנה, ער שיקט מיר אריין גוטע בחורים".

איך בעט דעם אייבערשטן אז די ישיבה זאל זיין אזוי ווי תיבת נח, איך זאל נישט דארפן זוכן גוטע בחורים, נאר די גוטע זאלן אליין קומען, און ווער עס דארף נישט קומען זאלן אליין ארויסגיין".

## פארלערנען רמב"ם צוליב הפצה

קא) ביים פארלערנען רמב"ם האט דער ראש ישיבה עטליכע מאל געזאגט: "איך לערן עס פאר, נאר אז מען זאל קענען מאכן הפצה".

איך קען לערנען רמב"ם פאר מיר אליין, איך בין גארנישט ספעציעל מחדש ביים פארלערנען, באלד ווען איר טרעפן א חשוב'ן איד א תלמיד חכם, ווען עסטו אים קענען זאגן עס איז דא א האטליין וואו מען קען הערן פארגעלערנט גאנץ רמב"ם אויף אידיש, מיט א חסידיש'ע הברה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז פאר פורים זאל מען מפרסם זיין "קול ברסלב", אז מען קען הערן מגילת אסתר פארגעלערנט אויף אידיש אין א לייכטע שפראך מיט שיינע התחזקות וכו', פאר פסח - שיר השירים און אזוי ווייטער. "פיל אידן זענען שוין מקורב געווארן דורך די שיעורים אין גמרא, נ"ך, שיר השירים, מגילת אסתר וכו'".